וואס דאס באווייזט דאך אויף א דבר המקיף, ניט ער האט דאס בפנימיות, בדוגמא אויך וויא ריקוד בכללות, באווייזט דאך אז דאס איז אן ענין וואס איז העכער פון הגבלה,כמבואר בכ"מ.

וואס עכ"פ האט מען דא ארויס דער חילוק פון תוס' און רש"י, וכאמור אז דערפון איז אויך די נפק"מ דער אפטייטש ווי ס'וועט זיין אין דער גמרא אין ב"ב.

וואס דער ענין פון ג"ע קומט צווישן עוה"ז און צווישן עוה"ב, ווי דער אפטייטש פון עוה"ב און אויך? ווי דאס איז עולם התחי'.

[הסיום נדפס בהמאור תשרי תשל"ו (בלה"ק),ואח"כ הוגה עוה"פ ונדפס בלקו"ש כ' מר-חשון תשל"ו (באידיש).]

וואס אט דא קומט צו, כדי עכ"פ א סיום בקיצור:

וואס ער ברייגנט די גירסא אין אוה"ת פון צ"צ (ואתחנן ע' סז) און אין המשך פון ס"ו (ע' יב) שטייט (ניט דער לשון תלמידי חכמים אין להם מנוחה, נאר) דער לשון צדיקים אין להם מנוחה.

וואס צדיקים איז דאך כולל סיי מארי תורה און סיי מארי עובדין טבין.

וואס דער אריז"ל איז מפרש לויט דער גירסא "תלמידי חכמים", במילא יצא אדם לפעלו (תהליםקד, כג) "יר"ל לעסוק בתורה במה שפעל בעוה"ז" - דער ענין פון לימוד התורה, אזוי איז אויך מפרש דער אלטער רבי אין אגה"ק (סו"ס יז) וואו ער ברייננגט אראפ די גירסא "תלמידי חכמים" אין להם מנוחה - איז ער דאס אויך מפרש אויף לימוד התורה.

משא"כ. אז מ'ברייננגט די גירסא פון "צדיקים", איז דאך אט דעמאלט בהכרח מפרש זיין אז דאס איז ניט נאר תלמידי חכמים.

כדוגמא ווי דאס וואס מ'זאגט אין סיום פון מסכתא תענית - שטייט (ניט ת"ח הקב"ה עושה להם מחול, נאר) "עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים", און דערנאך זאגט ער "כל אחד ואחד מראה באצבעו". זעט מען אז דא איז לכל הפחות דא צוויי סוגים: וואס בכללות איז דאס דער ענין, בשעת מ'זאגט צוויי מאל צדיק איז דאס מארי תורה און מארי עובדין טבין, בכללות א חילוק פון שני סוגי צדיקים (ראה לקו"ש כ' מר-חשון תשל"ו ס"א. וש"נ).

וואס עפי"ז ווערט פארשטאנדיק נאך א דבר תמוה וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: אמת טאקע דער אריז"ל איז מפרש אז וויבאלד אז תורה איז פארבונדן מיטן אויבערשטן, וואס דער אויבערשטער איז אין סוף, איז דערפאר איז יצא אדם לפעלו איז ת"ח אין להם מנוחה, דערפאר וואס די תורה איז אויך אין לה סוף,

און ווי מ'האט דאס פריער מסביר געווען (לקו"ש דברים ש.ז.) דערפאר וואס אע"פ וואס מצות נעמען זיך אויך ס'איז דאך מצותיו של הקב"ה, אשר קדשנו במצותיו וצונו, אבער דער אויבערשטער האט זיי אזוי אנגעזאגט אז זיי זאלן דוקא זיין במדוה"ג

משא"כ תורה האט מען אנגעזאגט אז ס'זאל זיין לאפשא לה - אין יעדער לימוד התורה, ובכללות איז "כל איש מישראל חייב בתלמוד תורה בין כו' בין בחור בין שהי'

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 427 הודפס ע"י אוצר החכמה

זקן גדול כו'", מיט די אלע אריכות ווי ער שרייבט אין רמב"ם (הל' ת' פ"א ה"ח) און דער אלטער רבי איז דאס מעתיק אין הל' ת"ת (או"ח ר"ס קנה).

ד.ה. אז תורה איז ענינה "ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים" (איוב יא, ט), מצוות נעמען זיך אויך "אשר קדשנו במצותיו", אבער דער אויבערשטער האט זיי אזוי אנגעזאגט אז זיי זאלן זיין אין אן אופן של מדוה"ג.

וואס דאס איז דער הסבר פארוואס תלמידי חכמים אין להם מנוחה, משא"כ מצוות קען זיין א הפסק.

ס'ווערט דאך אבער ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז שכר המצוות איז אויך אין ג"ע, און אין ג"ע זאגט מען (ווי דער אלטער רבי ברענגט אויך אראפ אין אגה"ק (שם) ובכ"מ) איז דאס עלִיות עד אין סוף.

און דערנאך איז אמת טאקע דער אויבערשטער האט אנגעזאגט אז מ'זאל זיי מקיים זיין במדוה"ג, אבער אין דער מדוה"ג שטייט דא דער בל"ג, וואס דערפאר איז דאך א "מצוה שאא"פ לעשותה ע"י אחרים" איז דוחה אפילו תורה (מו"ק ט, סע"א ואילך. רמב"ם שם פ"ג ה"ד. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ג) - אויב דאס וואלט געווען גבול און דאס איז בל"ג איז ניט שייך זאגן אז א גבול זאל דוחה זיין בל"ג.

וואס אין דערויף איז דא א געוואלדיקער אויפטו [און דא זעט מען ווי אזוי אין דעם אלטן רבין'ס שו"ע איז יעדער ווארט מדוייק]:

בשעת דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין הל' ת"ת (שם) אז "מצוה שאא"פ לעשותה ע"י אחרים" איז אט דעמאלט איז זי דוחה תורה, איז ער מוסיף אין דערויף א פאר ווערטער און זאגט ווארום אט דעמאלט קומט אויס אז "למד שלא לעשות", ד.ה. (לויט אט די עטליכע ווערטער) דאס איז ניט די מצוה איז דוחה ת"ת, אזא מין מציאות איז ניטא, אויב ער וועט אבער ניט מקיים זיין די מצוה איז זיין לימוד ניט ווי ס'דארף צו זיין, כדי ער זאל מקיים זיין מצות ת"ת מוז ער מקיים זיין די מצוה שאא"פ לעשותה ע"י אחרים.

וואס דאס איז דער ביאור וואס דער אלטער רבי זאגט אין די דריי ווערטער: דאס איז ניט מעלת המצוות, דאס איז, אויב ס'איז א מצוה שאא"פ לעשותה ע"י אחרים און ער איז איר ניט מקיים אט דעמאלט איז דער לימוד שלא ע"מ לעשות, און לימוד שלא ע"מ לעשות איז דאס ניט די מצוה פון ת"ת.

ד.ה. אט דא איז דער ענטפער אויף דערויף, אז אויך אין דעם איז דאס ניט וואס די מצוה איז גרעסער פון תורה, נאר תורה איז דא אויך גרעסער פון מצוה, ס'איז מערניט אז דאס באווייזט אז תורה איז ער ניט לומד תורה ווי מ'דארף לערנען תורה, דערפאר דארף מען מקיים זיין די מצוה.

ס'בלייבט דאך נאך אבער אלץ שווער למה נגרע: וויבאלד אז ער איז מקיים מצוות; און ער איז מקיים מצוות (אמת טאקע יעדער מצוה בפ"ע איז ביי אים במדוה"ג, ער טוט דאס אבער) בכל מאודך, וואס בכל מאודך שטייט אויף ואהבת, וואס ואהבת איז המצוה דאס איז א מ"ע, און דער ואהבת דארף זיין בכל מאודך - למעלה ממדידה והגבלה,, ביז וואנעט ווי דאס קומט אראפ אין פועל, אז כל מעשיך יהיו לשם שמים (אבות פ"ב מי"ב), און "בכל דרכיך דעהו" (משלי ג, ו), איז ביי אים ניטא קיין מנוחה והפסק אין עבודת המצוות.

איז אמת טאקע מצד דערויף וואס מצות זיינען נפרדות זו מזו, איז ביי אים דא א הפסק - ס'איז דא א מנוחה; מצד דערויף וואס אלע מצוות זיינען איין זאך (וואס דערפאר איז "עוסק במצוה פטור מן המצוה" (סוכה כה, א), וואס דאס איז דאך א דין אין נגלה) האבן דאך אלע מצוות א צד השוה, איז מצד דעם צד השוה שבכל המצוות כולם



הנחה רפטיח בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 428 הודפס ע"י אוצר החכמה

האט ער ניט קיין מנוחה אין עבודת המצוות אויך, האט ער דערפאר געדארפט האבן שכרו אויך אין אזא מין אופן וואס אין להם מנוחה.

וואס אט דא קען מען זאגן אז דאס איז דער אויפטוא פון דער גירסא וואס מ'ברייבגט אראפ אז צדיקים אין להם מנוחה: סיי תורה און סיי דער ענין פון מצוות.

אעפ"כ וואס איז די נפק"מ ביניהם, איז די נפק"מ אין דער צייט וואס מ'געפינט זיך אין ג"ע, וואס אין ג"ע איז דא לימוד התורה, ס'איז ניטא קיום המצוות ווי ער זאגט אין אגה"ק ובכ"מ, און ברייבגט די ראי' פון א גמרא מפורשת פון רב"נ אז ס'איז דא מתיבתא דרקיע און מ'לערנט דארטן תורה, אבער מצוות איז דארטן ניט שייך צו מקיים זיין.

במילא אט דעמאלט בשעת מ'טייטשט דאס ווי וועט זיין אין ג"ע,איז אט דעמאלט אין ג"ע איז דא דער יצא אדם לפעלו - אין להם מנוחה, מערניט ווי ביי ת"ח,משא"כ מצד מארי עובדין טבין, איז אט דעמאלט די צייט וואס מ'געפינט זיך אין ג"ע איז ניט שייך עבודת המצוות.

משא"כ דערנאך, לאחרי ווי ס'ווערט דער זמן התחי', איז אט דעמאלט איז דא דער אופן פון אין להם מנוחה.

וואס דערמיט ווערט די פארענטפערט: וויבאלד אז ס'איז געווען עבודתו בכל מאודך, בכל מדה ומדה שהוא מודד לך, אן קיין נפק"מ, און ווי גערעדט פריער "עוסק במצוה פטור מן המצוה", דערפאר וואס ס'איז דא א צד השוה, אשר קדשנו במצותיו וצונו, וואס דערפאר זאגט מען "לא תהא יושב ושוקל מצותי' של תורה כו' קלה שבקלות כו' וחמורה שבחמורות כו'" (תנחומא עקב ב. דב"ר פ"ו, ב. יל"ש יתרו רמז חצר. ועוד), איז דערפאר איז דא ביי זיי אויך דער ענין פון אין להם מנוחה.

ס'בלייבט דאך אבער די קשיא: אויב אזוי איז דאך ווי אזוי זאגט מען אין להם מנוחה - זיי האבן דאך יע א הפסק, - די צייט וואס ס'ווערט צווישן הסתלקותם מן העולם ביז וואנעט ס'וועט ווערן תחה"מ?

איז אט דא קומט אריין נאך א נקודה, אין ג"ע געפינען זיך נשמות בלא גופים, ד.ה. אין אנדערע ווערטער - ג"ע איז ניט קיין מציאות פאר א נשמה בגוף, בשעת מ'זאגט אז א נשמה בגוף אין לה מנוחה איז כל זמן זי איז א נשמה בגוף; בשעת ס'רעדט זיך וועגן מארי תורה איז אט דעמאלט אין להם מנוחה, דאס איז אן ענין פון נשמה, ווי גערעדט פריער אז תורה איז ניט דא די מדידה פון הגבלה פון גוף, במילא איז דארט איז דא די מציאות פון עולם רוחני, און א מציאות פון עולם גשמי, אז ס'וואלט געווען א הפסק אין ג"ע וואלט דאס געווען א הפסק אין דעם זמן פון דער מציאות פון דער נשמה.

בשעת ס'איז דא א הפסק אין זמן הג"ע לגבי נשמה בגוף, דאס איז אזא מין זמן וואס ער האט ניט קיין מציאות אין דער מציאות פון נשמה בגוף.

וואס דאס איז פארבונדן מיט דער חקירה הידועה פון דעם ראגאטשאווער (צפע"נ לרמב"ם הל' תשובה פ"ח ה"ד) צי ס'איז דא יש בגר וואס די גמרא טראכט בקבר, צי דעמאלט איז שייך אז בשעת זי האט זיך געפעלט עטלעכע חדשים איידער זי איז געווארן א בוגרת און דערנאך דארף זי באקומען דעם קנס, צי יש בגר בקבר, וויבאלד אס ס'איז דורכגעגאנגען די עטלעכע חדשים דארף מען איר צאלן ווי א נערה, אדער מ'דארף איר ניט צאלן וויבאלד אז זי איז שוין געווארן א בוגרת, אדער זאגן אז דער זמן שטעלט זיך אפ בשעת ס'איז געווארן אויס חיבור הנשמה בגוף, ווי ער איז מבאר דארט בארוכה.

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 429 הודפס ע"י אוצר החכמה

עד"ז אויך בנוגע לעניננו וואס צדיקים אין להם מנוחה, אע"פ וואס אין זמן פון ג"ע וועט זיין א הפסק - ניטא דעמאלט דער יצא אדם לפעלו פון עבודת המצוות, דערפאר וואס אזא מין זמן פון ג"ע איז ניט קיין מציאות פון זמן בנוגע צו נשמה בגוף.

אע"פ וואס בכ"מ (אוה"ת והמשך תרס"ו שם) איז מען מבאר, מיט דער גירסא פון צדיקים אין להם מנוחה ווי די ענינים שטייען קודם התחיה ולאחר התחי', מוז מען דאך זאגן אז דאס וואס ער איז דארטן מבאר אז דאס איז דער ענין פון תחה"מ אנדערש ווי אין ג"ע, אז דא איז פון סוכ"עאון דאך איז די המשכה, מוז מען זאגן אז לאחר תחה"מ איז אויך דא צוויי זמנים, ווארוםער איז דארט מבאר אז לאחר תחה"מ איז ניטא קיין עליות, ווי דערפאר, ווי ער זאגט אין לשון האריז"ל אז אין עולם התחי' איז דעמאלט ווערט דער ענין פון מנוחה דערפאר וואס ס'איז ניטא קיין עליות וירידות ווי ער זאגט אין המשך פון ס"ו דערפאר וואס דעמאלט געפינט זיך כל הענינים למטה, מוז מען זאגן וויבאלד אז מ'זאגט (תוד"ה אחד - פסחים קיד, ב. וראה ג"כ יומא ה, ב) אז "משה ואהרן יהא עמנו" אז זיי וועלן אויפשטיין תחה"מ און מ'וועט מקריב זיין קרבנות, וואס יעדער ענין פון קרבן איז אן ענין פון עלי' וירידה, מוז מען זאגן אז ס'איז דא ווי ער זאגט דארטן די ימים שאין לי בהם חפץ, וואס דאס איז (אין תחה"מ גופא) די תקופה אז ס'וועט זיין אין לי בהם חפץ, ווי ער זאגט אין אגה"ק (סכ"ו (קמה, סע"א)) אז דאס וואס מ'זאגט (נדה סא, ב) אז "מצוות בטילות לע"ל", איז דאס לאחרי תחה"מ, איז ניט דער פשט דער גאנצער זמן לאחרי תחה"מ - דאס קען מען ניט זאגן ווארום מ'זאגט אז משה ואהרן יהא עמנו וועלן זיי באווייזן ווי אזוי מ'דארף מקריב זיין די קרבנות, נאר אין תחה"מ גופא איז אויך דא זמנים מחולקים.

אע"פ וואס דעמאלט בלייבטדאך אלץ די קשיא פארוואס קען ניט זיין תכריכים של כלאים וויבאלד אז לכתחילה בשעת ער וועט אויפשטיין וועט נאך זיבן דער זמן שמחוייב במצוות - אין כאן המקום להאריך בזה, דאס וואס ס'איז נוגע לעניננו, אז אט דא קומט צו נאך א פארענטפערונג, אט דאס וואס מ'זאגט מצד דעם זעלבן טעם וואס מ'זאגט אז וויבאלד אז תורה איז פארבונדן מיטן אויבערשטן וואס אין לו סוף דערפאר איז אין להם מנוחה - לכאורה עפ"ז דארף אויך זיין מצד מצוות אויך, אע"פ וואס יעדער מצוה בפ"ע איז מדוה"ג אבער כללות כל המצוות כולם, דער כללות העבודה פון מארי עובדין טבין איז דאך מצוה כולל כל המצוות כולם, אוןאין דערויף איז דאך ניטא קיין מנוחה, דארף אויך ניט זיין קיין מנוחה אין שכר המצוות, וואס "משכרה נדע מהותה" (תניא פל"ט (נג, א), "שכר מצוה מצוה", ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ אין תניא, איז דאס אמת. טאקע לויט אט דער גירסא (וואס דערפאר בריינגט מען איר אראפ) אז צדיקים אין להם מנוחה, איי וואס ס'איז דא דער הפסק פון ג"ע איז מצד דערויף וואס ג"ע איז דאס אן ענין ומציאות של זמן וואס אט דער זמן איז ניט קיין מציאות לגבי נשמה כמו שהיא קשורה בגוף, וואס דעמאלט איז שייך דער ענין המצוות.

און אט דא קומט צו דרך אגב [און ס'איז ניט דרך אגב] א דבר נפלא וואס דער רבי נ"ע איז מחדש בצוואתו הראשונה (וואס זי איז אפגעדרוקט אין דעם קונטרס חנוך לנער (ס"ע 31 ואילך)) וואס דארטן שרייבט ער אז אין ג"ע איז דא "מעין עשיית המצוות" און בריינגט אויף דערויף אן ענין: אז דער וואס איז געווען זהיר בכבוד אב ואם ווי ער איז דא געווען, איז אט דעמאלט אויך אין ג"ע איז ער מעלה די נשמה ע"י הנהגתו הטובה בעוה"ז, במילא קומט אויס אז ער איז מכבד אביו אין ג"ע, ווארום דורך זיין הנהגה איז נשמת אביו עולה אין ג"ע מדרגה לדרגה, דורך דערויף וואס ער האט מקיים געווען כבוד אב ואם, וואס דעמאלט ווי ער טייטשט דאס דארטן אפ איז דאס ברא מזכה אבא, אודער טעם: אז אע"פ אז מעשה המצוות אין ג"ע איז ניטא, אבער כיבוד אב ואם וואס דאס איז מעין מעשה המצוות איז דאס דא ווי די נשמה געפינט זיך אין ג"ע.

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 430 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס דאס איז אויך דער קשר מיט סיום פון תענית וואס עושה מחול לצדיקים, אן ענין של עיגול וסבוב, און ער ברייננגט דארט אראפ אט דאס וואס רש"י ברייבגט אראפ (א רש"י של פלא) אבוה דשמואל האט געזען בחלום אז זיי זיינען געזעסן בעגולה, און פרעגט: פון וואנעט ווייס רש"י אז ער איז געזעצן בעגולה, נאר דאס איז פארבונדן וואס דעמאלט איז דא די הארה פון סוכ"ע.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט א רמב"ם, וואס דער רמב"ם (שם ה"ב) טייטש דאך אט דאס וואס מ'זאגט (ברכות יז, א) אז עוה"ב אין שם לא אכילה ולא שתי', נאר צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהן ונהנין מזיו השכינה, און טייטש דארטן אפ אז דאס גייט אין ג"ע (ניט כשיטת הרמב"ן (בשעת הגמול שלו)), און טייטשט דארטן אפ "צדיקים יושבים" דרך חידה, ד.ה. אז יושבים מתוך מנוחה זיין האבן ביז קיין יגיעה, ועטרותיהם בראשיהן, די ידיעה וואס צוליב דער ידיעה געפינען זיי זיך אין ג"ע, וועט דאס זיין בראשיהן, ונהנין מזיו השכינה אז זיי האבן דעמאלט א גרעסערע ידיעה ווי בשעת די נשמה איז געווען בגוף האפל והשפל.

און אט דא שטעלט אריין ווי ער זאגט אין פסוק (שה"ש ג, יא) בעטרה שעטרה לו אמו, אט דאס וואס די גמרא איז מסיים אין תענית במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו.

וואס לכאורה וואס איז ער דא מחזק און וואס ברייננגט ער אט דא די ראי', און דערנאך ברייננגט ער שמחת עולם על ראשם, טייטש ער אפ וואס די ראי' באשטייט אז שמחה איז דאס ניט אן ענין של עטרה, אז דאס זאל קענען זיין על ראשם נאר דאס מיינט מען אן ענין פון ידיעה, ס'איז אבער ניט פארשטאנדיק וואו איז דא דער הכרח פון דעם פסוק צאינה וראינה בבות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו, דא קען מען דאך טייטשן בעטרה שעטרה לו אמו כפשוטו.

וואס אט דא קען מען זאגן אז דער רמב"ם פארלאזט זיך אויף דערויף ווי די משנה טייטשט דאס אפ אין סיום פון תענית אז בעטרה שעטרה לו אמו ווי רש"י טייטשט אפ כנס"י ס'איז אויך א דבר פלא: א קבלה ענין ארייננגעשטעלט אין פירוש רש"י על הגמרא, אז די כנסת ישראל איז עטרה שעטרה לו אמו ביום חתונתו וביום שמחת לבו, ווי רש"י ברייננגט אראפ בפירושו אין שה"ש אז דאס איז מצד חביבות משל למלך וואס האט געהאט א בת און מצד חביבות פלעגט ער איר אנרופן אחותי, דערנאך האט ער איר אנגערופן בשם אמו, און אויף דערויף זאגט מען בעטרה שעטרה לו אמו, אז דאס גייט אויף די בתו של מלך, וואס דאס גייט אויף כנס"י וואס רש"י טייטש דאס אפ, און אט דאס איז וואס דער רמב"ם ברייננגט אראפ דעם פסוק וואס לכאורה דאס דארט קיין קשר ניט.

וואס ווי דער רמב"ם טייטשט דאס אפ גייט דאס אויף ג"ע, אז אין ג"ע גופא איז אויך דא אט די צוויי אופנים: איין אופן פון עטרה בראשו, אן ענין שסביבו, און די צווייטע ידיעה וואס משיגים מערער וויפל ער משיג געווען ווען די נשמה איז געווען בגוף שפל ואפל, דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס איז בדוגמא פון דער ידיעה וואס מ'האט ווי די נשמה איז עוסק בהיותה בגוף שפל ואפל, וואס דאס איז אין אן אופן של השגה.

און אין דערויף גופא איז ער נאך מוסיף נאך אין זוהר אין תולדות (קלה, רע"ב): לשון אין גמרא איז דאך <u>ונהנין</u> מזיו השכינה (ווי דער רמב"ם ברייננגט דאס אויך אראפ), זאגט דער זוהר אז אין דערויף גופא איז דא צוויי דרגות: ס'איז איין דרגא וואס ונהנין מזיו השכינה, מערניט ווי הנאה אליין, דערנאך זאגט ער אין זהר אז ס'איז דא דער אופן פון ניזונין מזיו השכינה, וואס אט דעמאלט ווערט א השגה גמורה א השגה שלימה דיעה שלימה, ווי ער ברייננגט אראפ אין זהר, וואס דעמאלט איז דאס א השגה שלימה ביז אין א תפיסה והשגה גמורה.



<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 431 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס דאס איז אויך בכללות ווי גערעדט פריער, אז ס'איז דא דער ענין ווי ער ווערט נתבאר אין מסכתא תענית, וואס דארט איז א דבר ברור אז ס'רעדט זיך וועגן מעמד ומצב אין ג"ע, און אין ג"ע גופא איז דא דער ענין ווי ער איז עושה מחול, וואס דאס איז אן ענין בדוגמא ווי עטרותיהם בראשיהן, דערנאך איז דא מראה באצבעו ואומר זה ה' קוינו לו, פון לשון קו, וואס דאס איז דער ענין פון ונהנין מזיו השכינה, א צווייטן אופן ווי ער זאגט אין זהר וביזונין מזיו השכינה, פאר דערויף איז דא ווי דער סיום פון מסכתא מו"ק, וואס פריער זאגט ער הנפטר און ערשט דערנאך הנפטר מתוך חבירו, און ערשט דערנאך זאגט ער אז אפילו לעוה"ב: רעדן רעדט זיך וועגן עוה"ז, נאר מ'לערנט אפ אז אפילו בעוה"ב איז אויך אין להם מנוחה.

דערנאך איז דא ווי אין דער סוגיא פון 'שלום אין דעם סיום פון מסכתא ברכות, און ווי גערעדט כמ"פ אז אע"פ וואס אין סדרי הסדרים איז דאך דא די צוויי אופנים אדער זמ"ן נק"ט אדער נז"ם קט"ן - אז ס'הויבט זיך גאר אן דער ערשטער סדר סדר נשים, ווי ער ברייגנגט אראפ דעם סדר אין במדב"ר אין פרשה נשא, איז אעפ"כ איז לדעת כולם איז די התחלה מסכתא ברכות, ווי ער זאגט אין מהר"י דטראני ר' יהושע דטראני (מהרי"ד) ראשית חכמה יראת ה', איז דערפאר איז לכל הדעות הויבט זיך אן די ששה סדרי משנה מיט ראשית חכמה יראת ה' - מאמתי קורין את שמע בערבית.

דערנאך איז מען מסיים מסכתות אלו, און כן יעזרנו לסיים עוד מסכתות וספרים אחרים.

ביז וואנעט אז מ'וועט קומען ללמוד תורתו של משיח, וואס ילמד תורה את כל העם כולו, און אין אן אופן פון אין להם מנוחה קודם די תקופה ראשונה, און דערנאך אין אן אופן פון עולם התחי' אין יעד תקופה וואס ס'וועט זיין יום שכולו שבת מנוחה לחיי העולמים (תמיד בסופה), ובקרוב ממש.

* * *

ו. אט דאס וואס ס'האט זיך גערעדט פריער וואס מ'קען ארויסנעמען פון מנהג ישראל תורה היא, פארבונדן מיט דעם יום הילולא (יום השנה), ובפרט פון דער רשימה.

איז דאס דאך פון דער רשימה שבכתב, נאכמער הוראה וואס איז [illegible] בנוגע לפועל און וואס מ'קען ארויסנעמען מכל סיום ימי חייו, איז דאס איז בנוגע צו אן אנגעוויטיגטע זאך, וואס בימינו אלו, און וואס ליידער ווערט געטאן זייער ווייניק, אדער נאך ווייניקער אין דעם שטח במיוחד.

וואס אין דערויף דארף דאס אויך מעורר זיין כמ"פ ככה אז מ'זאל טאן ביתר שאת וביתר עוז.

וואס דאס קומט אויך בהמשך ווי גערעדט אמאל בארוכה וואס בעשרים באב זאגט דאך די גמרא אין תענית סמוך לסופה אז דעמאלט איז געווען דער קרבן העצים פון בני דוד אדער בני יואב, ווי גערעדט אמאל בארוכה און שוין אויך געדרוקט דער ענין (לקו"ש ח"ד).

וואס קרבן העצים איז דאך געווען, אז אע"פ וואס ס'איז געווען בעשרים באב דערויף וואס חמשה עשר באב האט מען אויפגעהערט שניידן עצים, במילא האט מען געוואוסט אז ביז זומער איבער א יאר וועט מען ניט קענען האבן קיין נייע עצים, און אעפ"כ האבן זיך געפונען אזוינע וואס האבן מנדב געווען פון זייערע עצים אין דעם ביהמ"ק, ניט צוליב זייער א קרבן, נאר צוליב א קרבן פון א צווייטן אידן, אע"פ וואס דער צווייטער איד איז צווישן זיי געווען אויך אזוינע וואס זיי זיינען געווען ניט כדבעי למהוי בתכלית הלשימות.

<u>הנחה פרטית בלחי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 432 הודפס ע"י אוצר החכמה